# HUMOUR-הומאָר

## *MEN DARF VISN VI AZOY MIT A ROV TSU REDN*

## *מען דאַרף וויסן ווי אַזוי צו אַ רבֿ צו רעדן*

Dray khelemer yidn hobn shpatsirt tshe- bov baytog in mitn mark. Eyner iz geven a kranker, der tsveyter an alter un der driter a gebrikhter.

דרײַ כעלמער ייִדן האָבן שפּאַצירט תּשעה באבֿ בײַטאָג אינמיטן מאַרק. איינער איז געווען אַ קראַנקער, דער צווייטער אַן אַלטער און דער דריטער אַ געבריכטער.

Un azoy vi di neshome iz zey oysgegangen fun fastn, hobn zey bashlosn arayngeyn tsum rov, er zol zey derloybn tsu esn
Der ershter iz arayn der kranker.
-Rebe, zogt er, ikh bin krank, tsi meg ikh esn?
Az du bist krank, megstu esn !
hot im der rov geentfert
-Nor keyn grober yung darfstu nisht zayn un darfstu visn, vi azoy mit a rov tsu redn : az men dertseylt a rov, az men iz krank, darf men zogen "lo aleykhem"

און אַזוי ווי די נשמה איז זיי אויסגעגאַנגען פֿון פֿאַסטן, האָבן זיי באַשלאָסן אַרײַן גיין צום רבֿ, ער זאָל זיי דערלויבן צו עסן. דער ערשטער איז אַרײַן דער קראַנקער.
- רבי, זאָגט ער ,איך בין קראַנק , צי מעג איך עסן?
-אַז דו ביסט קראַנק מעגסטו עסן !
האָט אים דער רבֿ געענטפֿערט
- נאָר קיין גראָבער יונג דאַרפֿסטו נישט זײַן און דאַרפֿסטו וויסן ווי אַזוי מיט אַ רבֿ צו רעדן : אַז מען דערציילט אַ רבֿ אַז מען איז קראַנק, דאַרף מען זאָגן" לא עליכם".

Az er iz aroysgegangen, fregt im der alter, vos der rov hot im gezogt. Dertseylt er im, az er hot im geheysn esn, nor mit a rov darf men visn, vi azoy tsu redn. Vi azoy?
A rov, az men dertseylt epes darf men zogn "lo aleykhem".
Iz der alter arayn tsum rov un gefregt:
-Rebe, ikh bin "lo aleykhem" alt.
tsi meg ikh esen?
-Az du bist alt un konst nisht oyshaltn dem taanis, megstu esn, nor keyn grober yung darfstu nisht zayn.
Az men redt mit a rov fun alt zayn,

אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען, פֿרעגט אים דער אַלטער וואָס דער רבֿ האָט אים געזאַגט. דערציילט ער אים אַז ער האָט אים געהייסן עסן, נאָר מיט אַ רבֿ דאַרף מען וויסן ,ווי אַזוי צו רעדן .ווי אַזוי?
אַ רבֿ , אַז מען דערציילט עפּעס דאַרף מען זאָגן " לא עליכם" .איז דער אַלטער אַרײַן צום רבֿ און געפֿרעגט:- רבי ,איך בין" לא עליכם" אַלט. צי מעג איך עסן?
אַז דו ביסט אַלט און קאָנסט נישט אויסהאַלטן דעם תּענית, מעגסטו עסן, נאָר קיין גראָבער יונג דאַרפֿסט נישט זײַן.

אַז מען רעדט מיט אַ רבֿ פֿון אַלט זײַן,

darf men nisht zogn " lo aleykhem", nor men darf zogn "aleykhem veal beneykhem"
Iz der alter oysgegangen. Fregt im der gebrikhter vos der rov hot im gezogt: dertseylt er im, az der rebe hot im geheysn esn, un im gezidlt, far vos er veyst nisht, vi azoy mit a rov tsu redn.
Vi azoy darf men redn?
Az men redt mit a rov, darf men zogn: "aleykhem val beneykhem"
Iz der gebrikhter arayn tsum rov un gefregt:
-Rebbe, ikh bin, "aleykhem vel beneykhem", gebrikht.
Tsi meg ikh essen ?

דאַרף מען נישט זאָגן" לא עליכם" נאָר מען דאַרף זאָגן: " עליכם ועל בניכּם "
איז דער אַלטער אַרויסגעגאַנגען. פֿרעגט אים דער געבריכטער וואָס דער רבֿ האָט אים געזאָגט:
דערציילט ער אים אַז דער רבֿ האָט אים געהייסן עסן און אים געזידלט פֿאַר וואָס ער ווייסט נישט ווי אַזוי מיט אַ רבֿ צו רעדן.
ווי אַזוי דאַרף מען רעדן?
אַז מען רעדט מיט אַ רבֿ , דאַרף מען זאָגן "עליכם ועל בניכם" איז דער געבריכטער אַרייַן צום רבֿ און געפֿרעגט: רבי איך בין "עליכם ועל בניכּם ". געבריכט.
צי מעג איך עסן?



ER KON ZIKH GEBN AN AYTSE

Zi : Du kenst itst nisht araynkumen, ikh bin halb ongeton

Er: Es makht nisht oys, kh'vel tsumakhn eyn oyg

ער קאָן זיך געבן אַן עצה

זי: דו קענסט איצט נישט אַרײַנקומען, איך בין האַלב אָנגעטאָן

ער: עס מאַכט נישט אויס כ' וועל צומאַכן אַן אויג

A PRAGER MAYSE-GERATEVET ZIKH FUN TOYT

Tsum Noekh yehude in shtub hot zikh amol arayngekhapt
a meshugener yid.
In der rekhter hant hot der yid gehaltn oysgeshtrekt a meser.. un der meshugener hot mit vidkeyt gezogt tsum gouen : Proger rov, ir shemt far a groyser khokhem. Bavayzt mir a kunst un shpringt arop fun ayer fenster oyfn gas ! Oyb nisht vel ikh  dikh do oyfn ort dershtekhn !
Der goen hot teykef derkent di groyse sakone. Er hot gevust az betn bay dem meshugenem yid rakhamim oyftsugebn zayn farlang vet gornit helfn.
Hot er tsum meshugenem azoy gezogt: mayn liber yid, ir farlangt fun mir, ikh zol aropshpringen fun tsveytn shtok  oyfn gas. Do s'iz gor keyn kuntst nit. Dos ken yeder. Ikh vel aykh ober bavayzn an emesn kunst. Ikh vel arop geyn in gas un fun dort oyfshpringen oyfn tsveytn shtok..
Der doziker plan hot dem meshugenem oyf a vayle iberrasht.
Der goen hot oysgenutst dem moment un zikh aroysgekhapt fun shtub.
Un azoy arum zikh geratevet fun toyt...

א פּראגער מעשׂה- גערצטעוועט זיך פֿון טויט

צום נח יהודה אין שטוב האָט זיך אַמאָל אַרײַנגעכאַפּט אַ מעשוגענער ייִד.
אין דער רעכטער האַנט האָט דער ייִד געהאַלטן אויסגעשטרעקט אַ מערסער.
און דער מעשוגענער האָט מיט ווידקייט געזאָגט צום גאַון :
"פּראָגער גאַון, איר שעמט פֿאַר אַ גרויסער חכם! באַווײַזט מיר אַ קונץ און שפּרינגט אַראָפּ פֿון פֿענסטער אויפֿן גאַס .אויב נישט וועל איך דיך דאָ אויפֿן אָרט דערשטעכן !
דער גאַון האָט תּכף דערקענט די גרויסע סכּנה. ער האָט געוווּסט אַז בעטן בײַ דעם מעשוגענעם ייִד רחמים אויפֿצוגעבן זײַן פֿאַרלאַנג וועט גאָרניט העלפֿן.
האָט ער צום  מעשוגענעם אַזוי געזאָגט: מײַן ליבער ייִדן, איר פֿאַרלאַנגט פֿון מיר איך זאָל אַראָפּשפּרינגען פֿון צווייטן שטאָק אויפֿן גאַס. דאָס איז גאָר קיין קונץ נישט דאָס קען יעדער. איך וועל אײַך אָבער באַווײַזן אַן אמתן קונץ איך וועל אַראָפּגיין אין גאַס און פֿון דאָרט אויפֿשאָרונגען אויפֿן צווייטן שטאָק.
דער דאָזיקער פּלאַן האָט דעם מעשוגענעם אויף אַ ווײַלע איבעראַשט
דער גאַון האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און זיך אַרויסגעכפּאַט פֿון שטוב און אַזוי אַרום זיך גערצטעוועט פֿון טויט.

Yiddishe legendes.. Eliezer Shindler-

אליִעזער שינדלער ייִדישע לעגענדעס



FARZORGT PONIM

A man mit a farzorgt ponim hot ongeklapt in der tir fun a bakanter negidite.

-"Kh'bet aykh ,efsher kent ir aroyshelfn der tragisher mishpokhe ariber der gas ?"

Hot er gefregt.

-"Der tate hot farloyrn di shtele, un zayn froy iz tsu krank aleyn tsu arbetn. Me vet zey, nebekh, aroysvarfn fun der dire, seidn emetser vet zey helfn batsoln dire gelt.

- "Oy, aza rakhmones !" ruft oys di negidiste. - Un ver zent ir?

- "Zayer balebos ! "

פֿאַרזאָרגט פּנים

אַ  מאַן מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון אַ באַקאַנטער נגידתטע

- כ'בעט אײַך, אפֿשר קענט איר אַרויסהעלפֿן דער טראַגישער משפּחה אַריבער דער גאַס  ? האָט ער געפֿרעגט.

- דער טאַטע האָט פֿאַרלוירן די שטעלע און זײַן פֿרוי איז צו קראַנק אַליין צו אַרבעטן

- מען וועט זיי נעבעך אַרויסוואַרפֿן פֿון דער דירה סײַדן עמעצער וועט זיי העלפֿן באַצאָלן דירה געלט.

- אוי, אַזאַ רחמנות רופֿט אויס די נגידתטע

- און ווער זענט איר?

- זײַער באַלעבאָס!

GRINGER OYFN HARTSN

A yid geyt in gas farzorgt, vi der shteyger.

Bagegnt im a bakanter un git im a freg:

Vos makht men epes ?

-Azoy..

-Ikh meyn di gesheftn vi geyen?

-He veysekh ,me…

-Nu vos makht dos vayb?

-Nu…

-Un di kinderlekh vos makhn?
-Nu, nu….
-A gutn tog.
-A gut yor. Oy,Az men redt zikh durkh vert take gringer oyfn hartsn !

<u>גרינגער אויפֿן האַרצן</u>

אַ ייִד גייט אין גאַס פֿאַרזאָגט, ווי דער שטייַגער.
באַגעגענט אים אַ באַקאַנטער און גיט אים אַ פֿרעג
- וואָס מאַכט מען עפּעס אַזוי ?
איך מיין די געשעפֿטן ווי גייען ?
- הע , ווייס איך, הע...
- נו , און וואָס מאַכט דאָס ווייַב ?
- נו
- און די קינדערלעך וואָס מאַכן?
- נו, נו..
- אַ גוטן טאָג
- אַ גוט יאָר. אוי! אַז מען רעדט זיך דורך, ווערט טאַקע גרינגער אויפֿן האַרצן !

**<u>A GUTE ETSE</u>**

A turist, vos iz zumertzayt ayngeshtanen in a hotelekhl, hot zikh baklogt farn hotel eygntimer, az ven er hot inderfri genumen a bod, iz der bod tsimer geven ful mit flign. Hot im der balebos geentfert: fun itst on zolt ir nemen ayer bod tzvishn tsvelf un ayns mitog tzayt, vayl demolt gefinen zikh ale flign in es- tsimer..

<u>אַ גוטע עצה</u>

אַ טוריסט, וואָס איז זומערטצייַט אייַנגעשטאַנען אין אַ האָטעלעכל האָט זיך באַקלאָגט פֿאַרן האָטעל אייגנטומער אַז ווען ער האָט אינדערפֿרי גענומען אַ באָד איז דער באָד צימער געווען פֿול מיט פֿליגן.
האָט אים דער באַלעבאָס געענטפֿערט: פֿון איצט אָן זאָלט איר נעמן אייַער באָד צווישן צוועלף און אייַנס מיטאָג צייַט, ווייַל דעמאָלט געפֿינען זיך אַלע פֿליגן אין עס צימער.

## GEMAKHT FAR LAYT

-Vos makhn dayne kinder ?
-Nisht tsu farzindikn kh' hob zey, borekh hashem, gemakht far layt
-Vos tut der elterer ?
-Er iz a doctor in Varshe
-Un der yingerer?
-Er hot zikh geefnt a fabrik in Lodzh
-Un du aleyn vos tustu ?
-Ikh arbet oystsuhaltn beyde kinder !

## געמאכט פֿאַר לייט

- וואָס מאַכן דייַנע קינדער ?
- נישט צו פֿאַזינדיקן כ' האָב זיי ברוך השם, געמאַכט פֿאַר לייַט
- וואָס טוט דער עלטערע ?
- ער איז  דאָקטאָר אין וואַרשע
- און דער יונגערער ?
- ער האָט זיך געעפֿנט אַ פֿאַבריק אין לאָדזש
- און דו אַליין וואָס טוסטו ?
- איך אַרבעט אויס צו האַלטןביידע קינדער !

## VOS HEYST MESHUGE ?

A khosid kumt amol tsu loyfn tsu zayn rabin un shrayt :
-rebbe, ratevet ! mayn yunger zun iz meshuge gevorn
-vos tut er den far a meshugene mayse ? fregt der rebbe
-rebbe, klogt der khosid, do anumelt hot er tsebisn a khazer un shpeter a bisl hot er zikh gekhapt kushn  di dinst
-Iz ma rash? Baruikt im der rebbe- Ven er zol geven beysn di dinst un kushn dem khazer, volt dos take geven meshuges, ober azoy vi er hot geton vi du zogst, iz dos azoy gornit geferlekh un megst aheymforn lekhaim ulesholem

## וואָס הייסט מאַשוגע?

אַ חסיד קומט אַמאָל צו לויפֿן צו זייַן רבין און שרייַט:
- רבי, ראַטעוועט! מייַן יונגער זון איז מעשוגע געוואָרן.
- וואָס טוט ער דאַן פֿאַר אַ מעשוגענע מעשׂה? פֿערגט דער רבי
- רבי, -קלאָגט דער חסיד,  דאָ אַנומעלט האָט ער צעביסן אַ חזיר און שפּעטער אַ ביסל האָט ער זיך געכאַפּט קושן די דינסט.
- איז מה רעש? באַרויִקט אים דער רבי- ווען ער זאָל געווען בייַסן די דינסט און קושן דעם חזיר, וואָלט דאָס טאַקע געווען משוגעת , אָבער אַזוי ווי ער האָט געטאָן ווי דו זאָגסט איז דאָס גאָרניט געפֿערלעך,
און מעגסט אַהיימפֿאָרן לחיים ולשלום.